די ברידער בר־כוכבא און כרמל נאראד
באגריסן דעם רעדאקטאר פון „לשון און לעבן״
צו זיין געזונט ווערן — אויף לאנגע געזונטע
יארן!

צו אונדזערע פריינט **אברהם** און **הינדע שפיגעלמאן** איז געבוירן געוואָרן אַן אור־איניקל. מיר באַגריסן זיי זאָלען האָבען גרויס נחת פון אור־איניקל **חנה פרימעט** און דערלעבן זי פירן צו דער חופה.

אונזער פריינט **אברהם אהרן קלומאן** צו געזונט ווערן פון זיין שווער־ער קראַנקהייט ווינטשן מיר אים ער זאָל זיין געזונט און ווייטער זיין אַקטיוו אין זיין קולטור טעטיקייט.

„פריינט פון יידיש לשון״.

לייענט „די יידישע שטימע״, די איינציקע אומפּאַרטייאישע יידישע וואָכנצייטונג אין לאָנדאָן.

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון״**
קומט צו די יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

175A

# לשון און לעבן

**בולעטין** פונם זשורנאַל „לשון און לעבן״

לאָנדאָן, אַפּריל 1955

פאַראַנטוואָרטלעך : **י. ביעטש**

## צו אונזערע לייענער

צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון דער אָפּגעטוענער אַרבעט פאַר די לעצטע 15 יאָר, הן אויפן געביט פון די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס, און די גרויסע צאָל אַנדערע וויכטיקע אונטערנעמונגען פון קולטורעלן ווערט, הן פון אַרויס־צוגעבן דעם זשורנאַל „לשון און לעבן״ מחודש לחודש, וועלכער איז דורך דער צייט געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין יידישן לאָנדאָן, דאָס וועלן אונזערע פריינט צוגעבן, אַז ס׳איז פאַר מיר אַ שווערע זאַך.

די לייענער פון דעם זשורנאַל „לשון און לעבן״ זיינען עדות, אַז די חודש־שריפט דערפילט אַמבעסטן די וויכטיקע אויפגאַבע, צו שטיין אויף דער וואַך פון אַלדאָס פאָזיטיווע, וואָס עס ווערט געטון און געשאַפן אין גאָר דער יידישער קולטור וועלט, און בעיקר אין אונזער וועלטל דאָ אָביעקטיוו צו באַ־לייכטן די וויכטיקסטע ליטעראַריש־קינסטלערישע שאַפונגען.

אויב ווער עס צווייפלט דערין — נעמט די אַלע ביז איצט דערשינענע נומערן און איר וועט זיך איבערצייגן, אַז דערמיט ווערט גאָרנישט איבערגע־טריבן. הגם „לשון און לעבן״ האָט נישט געגעבן דערווייל דאָס וואָס זי האָט געוואָלט געבן, איז די סיבה דערפון, מחמת די קללה פון דער פאַסיווקייט מצד דעם יידישן עולם צו אַלעם וואָס ס׳קומט פאָר אין אונזער לעבן.

מיר שטייען אויפן שוועל פאַר אַ קאַטאַסטראָפע. ס׳באַווייזן זיך סימנים, אַז דער יידישער ישוב דאָ גרייט צו אַן אומווירדיקן טויט פאַר יידיש לשון, אַ קבורת־חמור פון דער יידישער ליטעראַטור.

קען מען און מעג מען אין אַזאַ צייט יוצא זיין בלויז מיט אַ קרעכץ, אַ זיפץ, וועגן דער לאַגע און גענוג? דאָס וואָלט דאָך געהייסן, אַז מען דערנענטערט דעם אונטערגאַנג פון דער שפּראַך און קולטור. דער זשורנאַל „לשון און לעבן״ קען ווערן אַ שטיצפּונקט צו פאַרמיידן אַזאַ סכנה.

ס׳איז נישט היינט ווי ס׳איז געווען אַמאָל מיט יאָרן צוריק, ווען ס׳זיינען דערשינען צוויי טעגלעכע צייטונגען, חוץ אַנדערע וועכנטלעכע אויסגאַבן. דאָס היינטיקע יידישע לאָנדאָן איז כמעט ווי אַ מדבר. די יידישע גאַס איז באַהערשט פון אַ געוואַלטיקע אַפּהענטיקייט, עס גייט קיינעם גאָרנישט אָן צי עס ווערט עפּעס געטון לגבי דעם שלעכטן מצב פון אונזער קולטור־בנין. צוליב דער גע־

שאַפּענער לאַגע ווערן די צאָל קאַפּיטעלס פונם זשורנאַל דערפירט צו אַ מינימום, וועלכעס איז פאַרן שרייבער און פאַרן אַרויסגעבער פאַרבונדן בלויז מיט שאָדן.

דער זשורנאַל „לשון און לעבן" דערפילט אין דער איצטיקער שווערער צייט אַ וויכטיקע שליחות דערמיט, וואָס עס קענען אַנטייל נעמען שרייבער, וועלכע געפינען זיך אין ענגלאַנד און אויך פון אַנדערע יידישע קבוצים. עס גייט נישט אין דעם, צי האָט „לשון און לעבן" שוין געזאָגט איר וואָרט. עס גייט אָבער אין דעם, אַז דער זשורנאַל זאָל ווערן דער פּלאַץ ווו דאָס יידישע וואָרט קען און דאַרף געזאָגט ווערן, ספּעציעל אין דער היינטיקער צייט נאָך דעם גרעסטן חורבן אין דער יידישער געשיכטע.

אָבער דער אָפּרוף מצד דעם היגן יידישן עולם צו דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן די חודש־שריפט קומט אָן מיט די גרעסטע שוועריקייטן, כמעט מיט גרינגע ווערים, אַז מען בלייבט שטיין מיט יראת הרוממות פאַר דער פענאָמענאַלער דערשיינונג פון „לשון און לעבן", וועלכער עקזיסטירט שוין אַן ערך פון יאָרן.

ס'איז אָבער דערפרייענד צו וויסן, אַז ס'זיינען נאָך דאָ אין יידיש לאָנדאָן אַ גרויסע צאָל לייענער, וועלכע זיינען בלב ונפש פאַראינטערעסירט, אַז דאָס יידישע וואָרט זאָל אינגאַנצן נישט אויפהערן. די יידן פרעגן כסדר, היתכן? ווען וועט דער זשורנאַל ווידער דערשיינען? דאָס באַווייזט, אַז די לייענער זיינען שטאַרק באַזאָרגט וועגן דער צוקונפט פונם זשורנאַל, וואָס שפּייזט זיי, אַזוי צו זאָגן, מיט גייסטיקייט. ס'איז אויך נישט קיין ווונדער, ווייל נאָך די אַלע יאָרן דערהאַלטנדיק רעגלמעסיק יעדן חודש „לשון און לעבן" זיינען זיי פשוט פאַראינטערעסירט וועגן דעם פּלוצלינגען אָפּהאַלט, אין די פאַרגאַנגענע חדשים, פעברואַר און מערץ.

מיר זענען באמת שולדיק אַן ענטפער צו די גרויסע צאָל פרעגערס. מוזן מיר גלייך זאָגן, אַז די אמתע סיבה דערפון איז, וואָס דער רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל, א. נ. שטענצל, איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, און דורכגעמאַכט אַ שווערע אָפּעראַציע, און גלייך ווי ער וועט אַרויס פון שפּיטאָל, וואָס מיר האָפן ס'וועט זיין בקרוב, און זיך אַביסל דערהאָלן פון דער שווערער קראַנקהייט, קענען מיר מיט זיכערקייט זאָגן, אַז „לשון און לעבן" וועט מיט באַנייטע כוחות ווידער דערשיינען.

אַ מאָביליזאַציע פון נייע כוחות, וועלכע האָבן ליב דאָס יידישע וואָרט, און זיינען באַוווסטזיניק וועגן דעם אחריות־געפיל, וואָס די לעצטע געשעענישן אינם יידישן לעבן לייגן אויף אונז אַרויף, ממשיך צו זיין די יידישע קולטור, וואָס איז דורך דורות לאַנג געשאַפן געוואָרן, איז אַ נויטווענדיקייט.

יעדער פריינט פון יידישן וואָרט איז מחויב צו שטיצן דעם איינציקן יידישן חודש־זשורנאַל אין יידיש לאָנדאָן, וועלכער האָט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר דעם אויפהאַלט פון יידיש, ספּעציעל אין דער איצטיקער ירידה צייט פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור.

וויצע־פּרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון. י. ביעטש,



### א. נ. שטענצל

## אין שפּיטאָל

רוט די שכינה מיר צוקפּנס?
איך ווייס נאָר אַז עמעצער שטייט איצט דאָרט.
מיינע ליפּן באַוועגן זיך, כסדר פאָרט,
אָבער ס'כאַפּט קיינער נישט אויף קיין וואָרט.

איך אַליין נאָר הער עס און פאַרשטיי עס,
און מאַך מיד די אויגן צוריק צו — — —
רוט דאָ די שכינה מיר צוקאָפּנס ווו
אָדער שטיל אין איר שויס שוין איך רו?

* * *

קוועקזילבעריק, אַרויף און אַראָפּ צאַפּלט דאָס לעבן
איין גראַד נאָך און — אַריבערגעשפּרינגען!
מוז מען דען ערשט צוריקשפּרייזן אויף צוריק,
כדי לעצטער שפּרינג זאָל געלינגען?

איין איינציקער גראַד נאָך, אַ האַלבער — —
הער איך טאַקע, די מלאכים שוין זינגען?...
„מאַמע" — — —
ניגונדיק־וויגנדיק וואָרט אויף מיין ליפּ־געשטאַמל
רייסט מיך וועקנדיק אויף צום לעבן מיך צו צווינגען — —

אויף אירע וואַכע אָרעמס טראָגט זי מיך וויגנדיק אַרויס,
פון אַ טונקלען שפּיגל וואָס ווערט אויף פּיצלעך צעשפּרינגען.

* * *

אַזאַ תפילהדיק טורטלטויביק וואָרקען,
ווי די בלוט־טראַנספוזיע אין האַרצן אַריין איך'ס דערשפּיר:
אַלע אין די בעטן הער איך בעטן פאַר מיר — —

די ליבשאַפט איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן,
און עס לוינט זיך שוין צו לעבן פאַר איר.

* * *

די צוויי שטייף־אויסגעאַרבעטע בלייכע הענט
אויף דער וואַל־ווייכער רויטער קאָלדרע,
ווי אויסגראַווירטע זעען זיי אויס;
אין שאַרפן פּנים די שוואַרץ־אַפּלען,
(אונטער אַש ס'וואָלטן פונקען געברענט!)
היימיש פאַרטיפט און אַזוי אויפגעריסן גרויס,
מיין טאַטנס אויגן כ'האָב אין זיי דערקענט.

אַ גאַנצן טאָג זיינען די ליפּן אַזוי שטיל,
נאָר ביינאַכט ווען ער מיינט ר׳איז אַליין — — —
מיט מיין גאַנצן האַרצן איך הער זיך איין,
און ווי איך וואָלט עפּעס אייגנס דערקענט,
האַרכן מיינע אויגן, אין זיך אַריין געווענדט.

* * *

אַ פּרינץ, אַ בן־מלך פון וויסטן אַזיען,
אַ בעטלער פון ווייטן מאָרגן־לאַנד?
אַ לעבעדיקער „איזראַאיל“,
„דער וואַנדער“ ייד מיטן שטאָק אין האַנד!

ער ליגט דאָ ברייט צעלייגט אַזוי,
אויף ווייסער טרעפּ פון דער מערב־וואַנט.

ווי צו אַן אַבראַזע, צו אַן איקאָנע,
קוקט דער פיבערדיקער גוי צו אים אַרויף,
און מיך דערפרייט אַן עכטער רעמבראַנד,
יעדע רגע ווען כ׳מאַך שוואַך די אויגן אויף.

ווי אַ תפילה טריפט דער פאַרנאַכט
בלוילעך דורך די פענסטער אַריין,
און פון אַ ווינקל ווו, פון אַ בעט,
טריפט טונקל איבערן זאַל געוויין.

אַזוי דייטלעך, ווי פון גרוי־קרישלדיקן פעלזן־שטיין,
טראָפּ־טראָפּ, טראָפּ־טראָפּ — כ׳הער מיך שטיל איין,
ביז אַ טייל פון דער תפילה כ׳ווער אַליין.

איך אָטעם איין די אַלע ריחות פון די בעטן,
מיט יסורים פון די חולאים וואָס ליגן אין זיי.
אין מיין פיבער שטראַל איך פון פרייד:
אָ, דאָס קענען מיטפילן מיט יעדן פון זיי,
ווי עס וואָלט געלינדערט מיין אייגענעם וויי.

אַלע ווייסן מיר דאָ דעם סוד פון לעבן,
ווייל געבויגן איבערן תהום פון טויט.
ווינקט וואָס ווי פון אַ יענער־זייט פלויט,
אָדער אַ האַנט זיך בעט אין פאַרגעבן?

די גוטסקייט אויף ליפּ ווען זי באַוועגט זיך נאָך קוים,
די זיסקייט ווען טויט פיאַנעט שוין גסיסה־שוים — — —
זע, פאַרן פענסטער מאָדנע באַוועגט זיך דער בוים —
אַ פרעמדער פויגל וואָס גרייט זיך אָפּצושוועבן!



1

אײדל איז דער בוים דרויסן פאַרן פענסטער,
ווי ער שטייט שטאָלץ און בליען וועט ער באַלד;
און איך שטינק אין מיין צואה און השתנה,
פון שעה צו שעה כ׳ווער פאַרלאָשן און אַלט.

אָבער אַז אַן אונזערע אומריינע ריחות
וואָלט ער דען געקענט שמעקן אַזוי אין זון?
גייט אויף אַ שטיקעלע ליכטיקייט אין מיר,
ווען כ׳ווער מיר מענטשלעך איצט באַוווסט דערפון.

מיר וואָרצלען טיף באַגראָבענע אין דער ערד
און קאָרטשנדיקע קנוילן מיר זיך איבער איר,
אַז שטאָלץ דער בוים זאָל קאָנען שטיין אין זון —
עס צו דערשפּירן — „אילו דברים שאין להם שיעור“.

II

פריילעך שנעל איילן די וואָלקנס דרויסן,
און פאַרבענקט שטרעקן זיך די צווייגן אַזוי;
וועל איך נאָך זען ווי די צווייגן זיך אויפברעכן,
פריש בלינקענדיק אין שמעקעדיקן טוי?

דער שוויס־געשטאַנק, דער שלאָף־געטראַנק,
אַ רחמנות צו מיר אַליין מאַכט פייכט מיין בליק;
אַ צעראָיעטע עפענט זיך טעמפּ די ערד!
וועל איך נאָך זען די שוואַלבען ווען זיי קומען צוריק?

דעם גוטן ריח פון צווייטן דערפילט נישט דער מענטש,
פונקט ווי נישט דעם שלעכטן פון אייגענעם איך:
„אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא — —“
מקנא איך בין דרויסן דאָס ראָיע־געקריך.

* * *

דר. סטנ׳ען, אַז ער זאָל געזונט ווערן

אַז דער ראַדישיצער נאָך חצות אָפּריכטן,
האָט זיך מכינען גענומען,
פאַרטיק ערשט געוואָרן גלייך מיטן טאָגן.
און שטייענדיק אַזוי אַ צעבראָכענער ביים כיור,
און גענומען מיט כוונה אשר־יצר זאָגן,
איז ער מער שוין צום דאַווענען נישט געקומען.

אין קריאת־שמע בזמנו פאַרגעסן,
אין „פון פאָרנט“ און פון מיטן מיטן,

געשטאַנען זיינען אים פאַר די אויגן
די אַלע וואָס האָבן אַזוי געוואַלטיק געליטן:
„ובֿרא בו נקבים נקבים חלולים" — —
האָט זיין געוויין דאָס האַרץ צעשניטן.

„שאם יפתח אחד"! האָט אים דערדריקט דעם דלד:
צי קאָן זיין תהלים זאָגן ווענען דען היילן?
אַ פויער וואָס ברענגט פיעטרישקע אין שטאָט,
וואָלט ער געוואָלט צו יעדן קראַנקן איילן;
אַ גרעזעלע ווערן אַ שטיקעלע קרייטעכץ,
און צו יעדן אַ שטיקעלע זיך פאַרטיילן.

* * *

אויף מיין זיידנס פענסטער לכבוד שבועות,
רייזעלעך אַזעלכע פלעגן קלעבן;
דורך קליינסטן לעכעלע פון לאָדנדל
אין הימל אַריין אַרויפצושוועבן.

אין זיידן־געוועב וואָס איך בין איינגעוועבט,
איך וואָלט מיך געוואָלט ווייטער וועבן;
נאָך מיט תכריכימדיק ברייטן נאָדל־שטאָך,
אויב נישט מער מיט שטעכעדיקן לעבן.

פריינט, ווי לאַנג איר וועט בלייבן אויף דער ערד,
ווי ביי אייך כ'וואָלט געשטאַנען דאַנעבן!
שטאַרבן דען אַלע חושים אויף איינמאָל?
אפשר בלייבט ס'געהער אַמלענגסטן לעבן — —

אויף מיין זיידנס פענסטער לכבוד שבועות
רייזעלעך אַזעלכע פלעגן קלעבן,
און נאָך הער איך דאָס קול פון באַרג סיני,
ווען מ'האָט די תורה אונז יידן געגעבן.

* * *

אַז איך האָב זוכה געווען, אַכצן יאָר,
צו אַרבעטן דאָ צווישן אָרעמע מענטשן,
מיך אויסצולעבן מיט מיין יידישן וואָרט,
וועל איך נאָך פונם לעצט שטיקל אָרט,
יעדן פאַרבייגייער דאָ דאַנקען און בענטשן.

אמן! קלאָר און גאָר דער מענטש מוז פאַרגיין — —
ס'יידיש וואָרט אָבער וועט באַשטיין אייביק און וואָר.

* * *



וואָס מיינט דען אַ פּאָעט צו זיין?
קענען מיטפּילן דעם צווייטנס פּיין!
גאָט, נישט די יסורים מיך שרעקן,
נאָר די מורא זיי קאָנען אויפוועקן,
רחמנות צו זיך אַליין — —

ווי שרעקלעך ווי קריכעריש קליין,
ציטערדיקע הענט אין געוויין,
פאַר זיך גופא בעטנדיק שטרעקן.

* * *

„לבבתיני באחת מעניך" (שיר השירים)

די ערשטע פרילינג־זון דורכן שפּיטאָל־פענסטער,
נישט גערעכנט מער אַז כ'וועל זי נאָך זען;
ווי קיילעכדיק זי איז, ווי פריש, ווי רויט!
זי וואָלט פונקט אַזוי וווּנדערלעך אויסגעזען,
ווען געלעגן כ'וואָלט שוין אונטער אַ פּלויט.

אָדער אפשר ווי אינם האַרטן שווערן שלאָף
מען קאָן ליגן מיט אָפענע אויגן און זיין טויט?

אָבער צי וועל איך נאָך צוריקקריגן ווידער
דעם ווונדערלעכן ציטער אין שלייף פון מיינע הענט?
און אַז ווען אַ באַל זי צוצוואַרפן כ'האָב נישט מער,
איז זי לאָזן אָפּשפּרינגען אין געבלענד פון ווענט,
און אין „שפּיץ בוידעם אָן דער ערד" — — —

אָ, דעם דאָס לעבן וואָסער ווערט?
אַ קינד אין וויג כ'שפּיל „גוק־אויג" מיט דער זון!
אָ, אַז איך פיל נאָך: איך בין נאָך וואָס, איך בין נאָך ווער.

אין יידישן שפּיטאָל, 14.3.55.

## עפּעס מכוח אונזערע ענינים

דאָס אַרויסלאָזן דעם בולעטין און לאָזן וויסן דערמיט אונזערע לייענער, אַז „לשון און לעבן" לעבט, און אי"ה פון חודש מאַי אָן וועט אונזער זשורנאַל ווידער אָנהויבן צו דערשיינען רעגלמעסיק, איז זער ריכטיק.

און איך פריי מיך אויך, וואָס די לידער, געשריבן אין שפּיטאָל, ווערן גע־דרוקט זיין אינם בולעטין;

וואָס אַן אמת געזאָגט, האָב איך, בשעתן שרייבן זיי נישט גערעכנט, אַז איך וועל זיי נאָך זען געדרוקטערהייט...

איך לייג אויך צו די צוויי זייטלעך, וועלכע ליגן דאָ צווישן די לידלעך: ... שוואַכלעך טראַכט זיך נאָך אַלץ וועגן לעבן און טויט, און מיטן פולן באַוווסטזיין, אַז ביידע זיינען נישט פון גרויס וויכטיקייט — אויך דעם טויט האָט מען פאַרוואַנדלט אין אַ געזעלשאַפטלעך און פּאָליטישן ענין!...

אין וואָס עס האַנדלט זיך — אויב מיר האַנדלען שוין! — איז אין דעם ביסעלע אַרבעט וואָס מ׳האָט געהאַט אויפן וועלטעלע אָפּצוטון. און אויב איך האָב עס אין די 33 יאָר ניט אָפּגעטון שוין, איז עס בכלל שוין אַ ספק צי כ׳וועל עס נאָך קענען אָפּטון, בפרט ביי די באַדינגונגען, וואָס עס קומט אונז אויס צו טון.

איז וואָס ס׳זאָל נישט געשען איז דאָך ממילא אַלץ לטובה! זיך אַרומדרייען אַן אויסגעדאָסטער עובר־ובטלדיקער יידישער פערזן־שרייבער מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט, חלילה, און שרייען „אני שלמה"! זע איך אין דעם נישט אַזאַ גרויסע חכמה... אלא, געזונט ווערן און קאָנען ווייטער אָנגיין מיט דער אַרבעט איז דאָך אודאי גוט — איך פיל נאָך דאָס ביסעלע נויטיקע אינערציע, אָבער נאָר צום גאַנצקייט פון מיין געלעבטן לעבן.

איך פריי מיך און איך בין דאַנקבאַר וואָס מיין לעבן איז אויסגעפילט געווען מיטן יידישן וואָרט, מיט דעם הייליקסטן וואָס איז דאָ אויף אונזער וועלטל. די וועלט וועט עס ערשט געוויר ווערן אין די קומענדיקע דורות—כ׳מיין מכוח די גרויסקייט פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור.

אויף וויפיל ס׳איז מיר, מיין וויניקייט, געראָטן, אויף וויפיל מיין ביסעלע אַרבעט וועט געשעצט און געשיצט ווערן? דאָס געהער שוין נישט צו מיר! אין אַלע מיינע יאָרן האָב איך אויסגעמיטן „אַריינצוואַרפן" מיינס אַ מיינונג אויף דער צאַפּלדיקער וואָגשאָל, און איצט פריי איך מיך צו קענען זיין אַזוי פריי אין מיין געדאַנק נישט צו וועלן אַריינוואַרפן אַ גוט וואָרט מכוח מיר.

בכל אופן איז עס רירנדיק אָבער דאָך סימפּטאָמאַטיש: צענדליקער פריינט קומען צוגיין מיט האַרץ־דערפרישונגען, צענדליקער טעלעפאָנירן געוויר צו ווערן און באַשטעלן שוין פּאַנסיאָנען ווען כ׳וועל אי"ה אַרויס פון שפּיטאָל, אָבער קיין איינער קומט נישט צו גיין מיט אַ פרייד צו פאַרשאַפן אַרויסצוגעבן אַ באַנד פון מיינע לעצטע לידער אָדער עסייען — — אַזאַ מין השגה איז נישט פאַראַן! איז עס די נידריקייט פון מיינע זאַכן, אָדער פונם גייסטיקן ניוואָ דאָ?

די „חברה נושאים" זיינען שוין דאָ מיך אַרויפצונעמען אין „טעאַטער" אַריין; איז עס שוין אויסצושפּילן די לעצטע ראָלע? דעריבער וועל איך טראַכטן אינם צווייטן העלפט זאַץ „ואם לא עכשיו אימתי": איך בין אַלעמען מוחל אויב ס׳איז ווער באַגאַנגען געגן מיר אַן עוולה און איך בעט אַלע מיר מוחל צו זיין אויב איך האָב וועמען געטון אַ קריוודע. (אויב אין לעבן טראָגט מען זיך אַרום מיט אַזוי פיל אַבערגלויבן, פאַרוואָס נישט „אַ רגע פאַרן טויט" ווערן אַ ביסל פאָלקסטימלעך גלויביק?).

איך פיל ווי די כוחות וואַקסן מיר פון די צוגעבונדנקייט פון די פריינט און פון די פרעמדע מענטשן מיט וועלכע איך מאַטער מיך דאָ — מסתם איז עס



נישט בחינם, עס מוז דערפירן צו עפּעס. איך בין אויך מקבל די יסורים באהבה, ווייל זיי פאַרבינדן מיך מיט די לעבעדיקע. און אפשר איז דאָס די איינציקע מעגלעכקייט פון מענטשלעכער פאַרבינדונג.

• • •

נאָך די זיבן קיילעכדיקע וואָכן* אין שפּיטאָל, איצט אויף מיין דערהאָלונג דאָ פיל איך מיך עפּעס ווי אַרויסגעשליידערט פונם לעבן —

זיצסט אַליין אין אַ שטוב, עפּעס ווי אַ שטאָפּ־גאַנז פאַר פסח אין אַ שטייג... קוקסט אַרויס דורכן פענסטער; זעסט עס איז פאַראַן אַ ברויזנדיק לעבן און דו זיצסט מיד אָפּגעמאַטערט, אָן יעדן פיזישן און גייסטיקן באַוועג אין דיין לייב און דיין מוח. פּרוווסט שטעלן אַ ריכטיקן שריט און עס גייט נישט, זיי וואַקלען, פאַלסט צוריק אין דיין שטול און קוקסט אַ מטושטישער דורכן פענסטער.

אין שפּיטאָל איז געווען אַן איינגעשטעלט לעבן — „איינגעשטעלט" אויף טויט און לעבן! אָבער דאָך אַן איינגעשטעלט אינטענסיוו לעבן, געזעלשאַפטלעך סאָציאַל, מיט אַ שטרענגען מענטשלעכן סדר — איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם! יאָ, אויך מיט אַ פילאָזאָפישע איינשטעלונג, מיט אַ שיטה, מיט אַ ליניע; יאָ, אפילו מיט אַן אייגענע אוניפאָרם... איינער פאַלט אַוועק, עס קומט אַ צווייטער און באַזעצט דיין פּאָזיציע . . .

און די באַשטימטע שפּיטאָל אַטמאָספערע! אמת, אַ ביסל צופיל דער אַנעסטעטיק־ריח, אָבער בכל אופן עסטעטישער ווי דאָס געזונטע לעבן! יעדער ווייסט פאַרוואָס ער וויל לעבן אָדער, חלילה, פאַרקערט . . .

דאָ וועל איך לאַנג נישט אויסהאַלטן, ביי די ערשטע פיס־טריט וואָס איך וועל נאָך קענען ריכטיק שטעלן, איז היידאַ צוריק קיין ווייטשעפּל, און אונזער אַרבעט — אויב איך וועל טאַקע אינגאַנצן געזונט ווערן און אי"ה ווייטער קענען אָנגיין! — מוז אונזער אַרבעט אָננעמען אַ גאַנץ אַנדערע ליניע.

קולטור פאַרן יידישן פאָלק ווערט איצט שוין געטון מיט פאַרע און מיט „גאַז־פּאַוער", עס זיינען שוין דאָ די „קולטור־טרעגער", זיי האָבן שוין אפילו אַריינגעשטעלט זייערע פיס (עס זיינען פאַראַן אינסטיטוציעס, וואָס זוכן רק אַריינצושטעקן אַ האַנט אָדער אַ פוס) אין די געדיכטע פון אונזער ליטעראַטור.

איז דערפאַר אונזער אויפגאַבע איצט ניט נאָר צו טון קולטור־אַרבעט אויף דער יידישער גאַס, נאָר זי ריין צו האַלטן און צו האָבן אַ קלאָרע ליניע.

• • •

מען דערציילט, אויף אַן אגודה־קאָנפערענץ האָט מען געפרעגט דעם חפץ־חיים, ווי אַזוי ער, אַ מתנגד, גייט צוזאַמען מיט די חסידישע רבי׳ס. האָט ער געזאָגט — כ׳וועל אייך זאָגן אַ משל: אַ גביר האָט געהאַט צוויי איידעמס, איינער האָט ליב געהאַט פליישיק, דער צווייטער מילכיק. האָט דער גביר אויפגעשטעלט

* װען כ׳האָב געשריבן אייניקע טעג פאַר פורים, פאַר דער אָפּעראַציע, דאָס „שבועות־ליד" געחידמעט אונזער פריינט, האָב איך מיך געפרעגט: װאָס עפּעס אַ שבועות־ליד מיצקע־דרינען? איצט מאַכט מיך דוקט דאָס ליד האָפן, אַז איך װעל שוין האָבן יוצא געװען און נישט מוזן װייטער אַדורכגיין, איך בין דאָך שוין אָפּגעקומען די. גאַנצע זיבן װאָכן... מיר, װאָס שרייבן לידער, טראַכטן פון זיי אין מער „רעאַלע" דימענסיעס...

צוויי קיכן, האָט מען אין איינער אַ גאַנצן טאָג געקאָכט, געבראָטן און געפּרעגלט פליישיקע מאכלים און אין דער צווייטער מילכיקע. ויהי היום און דער גביר איז געוואָרן אַ יורד, רחמנא ליצלן, נישט ס׳איז געווען מילכיקס מער און נישט פליישיקס. איןביידע קיכן האָט מען געקאָכט אָן אָרעם פּאסנע טעפּל קאַרטאָפּל, איז וואָס טויגן צוויי קיכן מיט צוויי עקסטראַ פּייערס, אַז עס איז שוין נישטאָ מער וואָס ס׳זאָל אונטערלויפן און טריפה מאַכן, נישט דאָ איז מער מילכיקס און נישט דאָ מער פליישיקס. דאָס זעלבע איז מיט חסידים און מיט מתנגדים — ביידע זיינען פּאַרעווע.

דאָס קאָן אַלץ געזאָגט ווערן וועגן די רעליגיעזע שיטות; ביידע זיינען פּאַרעווע, נישט שפּעריש מער, מען לעבט פון האַנט אין מויל — מען שרייבט רק כסדר איבער די זעלבע תורה! היינט איז מען שוין אַ גאון און שר התורה ביי יידן אויב מען קאָן נאָך אַריינקוקן אין די ספרי ראשונים און אחרונים, און אַ רבי פון חסידים אויב מען קאָן זיך נאָך אויס אין די קליינע אותיות פון די גרויסע שאַפערס פון חסידות, און נאָכמאַכן זייערע תניעות . . .

אַנדערש איז עס מיט דער מאָדערנער יידישער קולטור, מיט די שאַפונגען פון די „שבת יום טובדיקע יידן״. מיר שייערן נאָך אַלץ אונזער טאָפּ און מיר האַלטן נאָך אין איין כשרן אים — ער איז בכל־אופן נישט פּאַרעווע! אונזער לייב און לעבן קאָכט זיך נאָך אין אים, אונזער דם התמצית — אונזערע הערצער צאַפּלען לעבעדיק — אבר מן החי! אונזער טאָפּ איז נאָך יענער טאָפּ ווען דער נביא אין זיין צער און צאָרן, צעברעכט אים אויפן קאָפּ פונם פאָלק . . .

אונזער טאָפּ איז יענער טאָפּ, ווען עס איז שוין גאָר נישט דאָ אין אים, אפילו נישט קיין פּאסנע קאַרטאָפּל, לאָזן מיר אין אים דאָס בלויזע וואַסער פּאַרען, אַז מען זאָל מיינען, אַז אין אים קאָכט זיך . . . עס איז יענער בכבודער יורד, וואָס וויל, אַז מען זאָל נישט וויסן זיין אָרעמקייט ! . . .

אונזער גייסטלעכער און גייסטיקער ניוואָ איצט איז דאָך אַ שרעקלעכער. פון אונזער שטאַרקער וחי־בהם־רעליגיע, פון אונזער טיפער קבלה־ און חסידות־מיסטיק איז געבליבן חלשות־טראָפּן אין אַ קאַווע־לעפעלע; דאָס פאָלק איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון איין זייט פונם פּראַקטישן סאָציאַליזם, פון דער צווייטער זייט פון אַ פּאַטריאָטישן נאַציאָנאַליזם — מיר זיינען דאָך ווייט פון דער ריינער עטיק און פון אייגנאַרטיקער שעפערישער עסטעטיק — כרחוק מזרח ממערב!

ערגעץ ווו זיינען נאָך דאָ יחידים וואָס ראַנגלען זיך נאָך מיט די ענינים — אויף די פינגער אָפּצוציילן! ווי ווייט מיר וועלן נאָך אַרויסאַרבעטן, ווי ווייט אונזער דור וועט נאָך ביישטייערן צו די גרויסע שאַפונגען פון די לעצטע דורות? אָבער נעמען אונזער פריש צאַפּלדיקע שעפערישע קולטור און אַריינוואַרפן אינם טאָפּ אַריין — אינם סיר הבשר! — מאַכן דערפון איין קאַשע, איין קרעפּל־פלייש, אָדער אַ מין זיסלעכן חרוסת, דאָס טשערפּקע גרינס פון פּיע־טרישקע און דאָס ביטערע פון מרור דערין איינצוטינקן . . .

איך האָב נאָר אָנגעוואָרפן די ליניע, זי מיט אַ קורצן שטריך געצייכנט; זי ברעכט זיך, ווי יעדע קינסטלערישע ליניע! . . איז דאָס די אויפגאַבע פון אַ



קולטור־פאַראיין, פון אַ קונסט־סעקציע, ווי „פריינט פון יידיש לשפן״ איז, פעסט־צוהאַלטן, אויסצוהאַלטן, אָנצוגיין מיט דער אַרבעט ריין און הייליק און זיך גאַנץ באַוווסט צו ווערן אין שטח פון די ספּעציפישע קולטור אויפגאַבן און גייסטיקע פליכטן.

וועסטקליף, 55.3.30.

## מ. בעקערמאַן

# דייטשע ווידער־באַוואפנונג

(צו דיסקוסיע)

עס איז דאָ אַ רוסישער שפּריכוואָרט: „אויב דו זאָלסט אייביק לעבן, דאַן זאָלסטו זיך אייביק לערנען״.

פילע פון די רוסיש־ און פּויליש־יידישע עמיגראַנטן וואָס זיינען געקומען אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער אין אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן געגומען דעם שפּריכוואָרט ערנסט נאָך איידער זיי האָבן פאַרלאָזט די אַלטע היים. האָבן זיי טאַקע מיטגעבראַכט אַ ברייטע קולטורעלע און פּראָגרע־סיווע באַוועגונג, וועלכע איז געווען די נאַטירלעכע רעאַגירונג אויף זייערע איבערלעבונגען אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אויך אין לאָנדאָן האָט זיך דאַמאָלט באַזעצט, אין אַ געהעריקער מאָס, אַ פּראָגרעסיווער עלעמענט וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע פּאָליטישע שאַטירונגען. אָבער דאָס האָט זיי נישט געשטערט צו שאַפן אַזאַ וויכטיקע אינ־סטיטוציע ווי דער אַרבעטער רינג וועלכער האָט זיך, ווי באַוווסט, נישט נאָר פאַרנומען מיט דער אויפגאַבע פון אַ בענעפיט סאָסייטי, נאָר אויך מיט אַ ברייטער קולטורעלער טעטיקייט אויף פאַרשידענע געביטן.

דאַמאָלט האָט דער אַרבעטער רינג געלאָזט הערן זיין סאָלידאַרישע שטימע איבער אַלע יידישע פּראָבלעמען סיי אין ענגלאַנד און סיי אין אויסלאַנד.

צייטן בייטן זיך און אין פאַל פון אַרבעטער רינג — נישט צום בעסטן. אין היינטיקע קריטישע צייטן וועלכע דראָען דעם עקזיסטענץ פון די רעשטלעך פון די מערב־אייראָפּעאישע יידן געפינען מיר דעם אַרבעטער רינג צושפּלי־טערט קולטורעל און געזעלשאַפטלעך. צוזאַמען מיט דער אַמאָליקער אינטענ־סיווקייט פון דער יידישער שפּראַך איז אויך פאַרשוווּנדן צו ביסלעך די אַמאָ־ליקע סאָלידאַריטעט, און אַ קליינלעכע רייסעריי פאַרנעמט דעם פּלאַץ.

און דאָ קום איך צו דער פראַגע פון דייטשער באַוואָפנונג. די פראַגע צי קענען מיר אָפּשטעלן די קאַטאַסטראָפע האָט לחלוטין נישט צו טון מיט דער פראַגע צי מיר דאַרפן לאָזן הערן אונזער שטימע אָדער נישט. אויב ס׳איז נישט מעגלעך צו שאַפן אַ געמיינזאַמע פּלאַטפאָרמע אויף וועלכער מיר זאָלן לאָזן הערן אונזער פאַרצווייפלטן פּראָטעסט, דאַן בלייבט דאָס צו יחידים, גרופּעס און קערפּערשאַפטן צו פּראָטעסטירן אויף וועלכער אַרט און ווייזע מען געפינט

פאַר מעגלעך. אונז אַלעמען איז, מיין איך, באַקאַנט וואָס פאַר אַ „עטישע" שטעלונג די דעמאָקראַטישע לענדער נעמען צו דער פראַגע.

אַ דעלעגאַציע פון אַ פרידנס קאָמיטעט האָט אַוועקמאַרשירט פון די איסט ענד צו דער באָארד אָף דעפּוטיס זיצונג מיט אַ פאַרלאַנג אויסגעהערט צו ווערן.

ס'איז נישט מיין זאַך צו באַשרייבן דעם „ברוך הבא" וואָס די דעלעגאַציע האָט דאָרט געהאַט. וואָס מיך אינטערעסירט איז די שטעלונג וואָס פאָרשטייער פון דריי באַזונדערע בראַנטשעס פון אַרבעטער רינג האָבן גענומען צו דער זאַך. זיי פאַרעפנטלעכן אַ בריוו אין די „דזשואיש קראָניקל" פון 4־טן פעברואַר אין וועלכן זיי ענטשולדיקן זיך פאַר די לעזער פאַר דער „אונטאַקטישער" האַנדלונג פון דער דעלעגאַציע. די דעלעגאַציע, זאָגן זיי, איז בלויז באַשטאַנען פון קאָמוניסטן פון עטלעכע אַרבייטער רינג בראַנטשעס וועלכע האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט דורך דער אַפּאַטיע וואָס הערשט אין די בראַנטשעס. די שרייבער פון בריוו מאַכן קלאָר אַז זיי זיינען חלילה נישט קיין קאָמוניסטן. זיי גייען נאָך ווייטער און ערקלערן אַז דער גאַנצער אַרבעטער רינג איז נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַזאַ שטיקל אַרבעט.

וואָלט איר דאָך געקענט מיינען אַז אויב די שרייבער פונם בריוו וואָלטן בלויז געוואָלט ריינוואַשן דעם אַרבעטער רינג אין די אויגן פון דער באָארד אָף דעפּוטיס וואָלטן זיי געשריבן דירעקט צו דער „באָארד" און אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ און פאַרטיק? אָ ניין! אַזאַ שענדלעכע טאַט מצד דער דעלעגאַציע מוז מען אַרויסברענגען אין דער עפנטלעכקייט און אַז ס'זאָל גרייכן די ריכטיקע מקומות, מוז מען דאָס, פאַרשטייט איר מיך, פאַרעפנטלעכן אין די „דזשואיש קראָניקל", אפשר וועט גאָט העלפן און ערגעץ אין די הויכע פענסטער וועט אַ נישט־ייד אויך האָבן די זכיה צו זען וואָס פאַר אַ פיינע מענטשן מיר זיינען.

דענקן טאַקע די שרייבער פון יענעם בריוו אַז מיטן אָננעמען זיך די קריוודע פון דער „באָארד" האָבן זיי שוין געטון זייער פליכט לטובת דעם יידישן פאָלק? און דענקן זיי אויך אַז אויב מען איז נישט איינשטימיק מיט דער טעטיקייט פון אַ גרופּע מוז מען זיך באַנוצן מיט דעם אויסגעוועפּטן מיטל פון דערקלערן זיי פאַר קאָמוניסטן? אָט איז מיר, צום ביישפּיל, באַוווּסט אַז פערזאָנען פון יענער דעלעגאַציע זיינען גראָד חשובע, פיינע מענטשן. זייער איינציקער „פאַרברעך" איז, וואָס זיי ליידן נאָך נישט פון דער כראָנישער אַפּאַטיע וואָס בושעוועט אַזוי אין אַרבעטער רינג.

ס'וואָלט אינטערעסאַנט געווען צו וויסן צי די שרייבער פונם בריוו זיינען טאַקע באמת באַאויפטראַגט געוואָרן פון זייערע „אַקטיווע" בראַנטשעס צו רעדן אין נאָמען פון גאַנצן אַרבעטער רינג און צי דענקן זיי אַז דער אַלטער רוסישער שפּריכוואָרט פּאַסט זיך מער נישט צו צו היינטיקע באַדינגונגען אונטער וועלכע די אַרבעטער רינג רעדל־פירער לעבן.



### י. א. ליסקי

## „די וועלט פון שלום עליכם"

אין די יידיש־ענגלישע קרייזן, האָבן די טעאַטראַלישע אינסצעניזירונגען פון דער קלאַסישער יידישער ליטעראַטור, אין דער ענגלישער שפּראַך, אַרויסגערופן אַ סך אינטערעס. און ס'איז וויכטיק פאַר דער זאַך גופא, אַז די ענגלישע אויפפירונג האָט קיין סך נישט מקצר געווען פון דער אורשפּרינגלעכער יידישער רעזשי, לויט ווי זי איז געשטעלט געוואָרן פון דוד ליכט, דער רעזשיסער פונם אַרבעטער טעאַטער „פיאַט". ס'איז געבליבן „די וועלט פון שלום עליכם", אַפילו לויט דעם יידישן אויסלייג. און גראָד די בולטע טענדענץ פון די זאַכן, וואָס ליכט האָט אַזוי שטאַרק אונטערגעשטראָכן, גראָד די סאָציאַלע טענדענץ, וואָס האָט אַזוי לעבעדיק געאָטעמט סיי פון דער פּרעכטיקער, סאַטירישער דערציילונג „באָנציע שוויַיג" פון פרצן, סיי פון שלום עליכמ'ס טראַגי־קאָמישע דערציילונגען „ווען איך בין ראָטשילד", „דאָס פאַרכשופטע שניידערל", „דער גימנאַזיסט", ווי אויך פון די וויציקע „כעלעמער מעשיות" מיט זייער פאָלקסטימלעכער מאָראַל טענדענץ; די אויסגעשפּראָכענע עולות, מיט וועלכע דאָס יידישע לעבן איז געווען אַזוי פול, און האָט אָפט אויך איבערגעכאַפּט די מאָס, האָבן דאָס געשאַפן דעם אינטערעס ביי די יידיש־ענגלישע קרובים אונזערע. יידן און וויַיבער, מיידלעך און בחורים, אַן ערך פון אַ פופציק טויזנט, האָבן געזען די פאָרשטעלונג. און אויך ניט־יידישע טעאַטער באַזוכער האָבן מיט באַגייסטערונג געזען „די וועלט פון שלום עליכם". דער עולם וואָס האָט בייגעוווינט די לעצטע אויפפירונג, האָט שטאַרק פּראָטעסטירט, ווען מ'האָט אים פון אונטער דער פאָרהאַנג מיטגעטיילט, אַז דער קאָנטראַקט מיטן טעאַטער האָט זיך געענדיקט. ס'האָט זיי פאַרדראָסן, וואָס מ'האָט צוגענומען ביי זיי די מעגלעכקייט פון צו קענען איבערגעבן פאַר די פריינט און באַקאַנטע, וואָס זיי האָבן געזען אין טעאַטער.

די בינע האָט זיך געדרייט אַרום דעם יידישן „עם הספר"־סימבאָל און דעם סימבאָל: „מוכר ספרים", וועלכן דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט אַזוי באַרימט געמאַכט מיט דעם נאָמען „מענדעלע"; אָט דער דאָזיקער פאַרקערפּערטער סימבאָל פונם ביכער־פאַרשלייסער „מענדעלע מוכר ספרים", וועלכער איז אַרומגעפאָרן איבער מלך־אביונ'ס גיטער, און געפירט גייסטיקע שפּייז פאַר דער יידישער היים, לכבוד שבת און יום־טוב, פאַר איינדער־וואָכן, פאַר בחורים און מיידלעך, פאַר וויַיבער און מאַנסבילן, פאַר דינסטמיידלעך, גענזעלן און קעכנס, פאַר בדחנים, בעלי־דרשנ'ס, פאַרקויפט האָט ער; אָנגעהויבן פון: אַ ספר, אַ מחזור, אַ ראשית־חכמה, אַ צאינה־וראינה, שמ"רס ביכלעך, באַשרייבונגען פון רייזעס, תחינות, כעלעמער מעשיות, מכירות יוסף, וויצן־ביכלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָליער און אפרים גריידינגער, לידער פון וועלוועל זבאַרזשער, און אליקום צונזער; אַ פורים שפּיל; צויבער געשיכטעס, אַליבאַבאַ מיט די פערציק גנבים, ראָשער מיט די רויבער־באַנדע, חומשים מיט עברי־טייטש, און מוסר־ספרים; ביז פרצ'ס און שלום עליכמ'ס ווערק; ער,

דער „מוכר ספרימניק מענדעלע״, האָט פאַרכשופט די בינע אַרום וועלכע ער האָט זיך געדרייט און געוויזן: „די וועלט פון שלום עליכם״.

דאָס שפּיל איז געשמאַק געלאָפן אינם ליכט און שאָטנס פון דער יידישער פאַרגאַנגענהייט, מיט דעם זאַפטיקן הומאָר פון די טראַגי־קאָמישע פּאַסירונגען, וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק, ווי אַ פּועל יוצא פון די שווערע, עקאָנאָמישע באַדינגונגען, אונטער וועלכע ס׳האָבן געלעבט די יידישע קהילות.

דער האַרמאָנישער צענויפשפּיל פון דעם גאַנצן אַנסאַמבל, האָט דער אויפפירונג געגעבן כאַראַקטער און ווירדע, כאָטש די שוישפּילער און שוישפּילערינס, וואָס האָבן זיך באַטייליקט, האָבן קיינמאָל ניט געשפּילט קיין טעאַטער אין יידיש, אַחוץ פאַרשטייט זיך מאיר צעלניקער, אַ בינע קינסטלער מיט אַ גרויסן טאַלאַנט און אַ סך יידישער טעאַטער קולטור, וועלכער האָט פיל בייגעטראָגן צו דעם דערפאָלג פון די אויפפירונגען.

ס׳האָט זיך געלוינט די מי און דיאַרבעט, וואָס די יידיש־ענגלישע רעזשי מיט די שוישפּילער האָבן אַריינגעלייגט. יעדער פון זייבאַזונדער, האָט אַרויסגעוויזן פיל פאַרשטענדעניש פאַר דעם סימבאָל פונם ליטעראַריש־געשטאַלטעטן יידישן פאָלקס־מענטש; פאַר די טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור און איר פאָלקסטימלעכן הומאָר. יעדער פון זיי באַזונדער, האָט זיין אַרטיסטישן דערפאָלג כשר פאַרדינט.

## צו אונזערע אַבאָנענטן

חשובע פריינט,

אונזער פאַראיין „פריינט פון יידיש לשון״ האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ בולעטין, כדי צו פאַרגיטיקן די דריי חדשים פון נישט דערשיינען פון אונזער זשורנאַל. פון קומענדיקן חודש וועט דער זשורנאַל ווייטער דערשיינען רעגלמעסיק. דער מאַי נומער וועט אויך זיין אַ דאָפּל־נומער.

מיר דערמאָנען אויך די לייענער, וואָס זיינען שולדיק זייער אַבאָנאַמענט־אָפּצאָל אַריינצושיקן זייער חוב.

נעט רובין, סעקרעטאַר פון „לשון און לעבן״.

### לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

(אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ גרעסערע צאָל ידיעות וועגן דעם יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין לאָנדאָן. מחמת מאַנגל אין אָרט געבן מיר בלויז אַ טייל פון זיי.

* * *

מר. א. מ. קייזער, פאַרזיצער פון „ייווא״ און פון „יידישן זשורנאַליסן און ליטעראַטן־פאַריין אין ענגלאַנד, פאָרט נאָך פסח אויף אַ לענגערן באַזוך צו זיין איינציקער טאָכטער נחמה׳לע, וועלכע געפינט זיך זינט עטלעכע חדשים אין ישראל. מיר ווינטשן אים אַ צאתך־לשלום.

קומענדיקן חודש דערשיינט אין פערלאַג „פריינט פון יידיש לשון״ דאָס בוך פון שמואל וווהייט „פּאמאכעט דער כעלעמער פּאָעט״.

* * *

ניי־דערשינענע ביכער אין אונזער שכנות׳דיקן פּאַריז:

דער פאַריזער יידישער שרייבער ב. קוטשער, האָט אַרויסגעגעבן אַ גרויס ווערק, „געווען אַמאָל וואַרשע״. דאָס בוך פאַרמאָגט 330 זייטן, גרויסן פארמאט און האָט איבער 50 פאָטאָגראַפיעס פון פאַרשיידענע יידישע שרייבער, מאלער, אַקטיאָרן, מוזיקער, כללטוער און קינסטלער.



אויף זיין דורכרייזע קיין ישראל האָט אין לאָנדאָן געוויילט דער באַקאַנטער יידישער שריפטשטעלער און דראַמאַטורג פישל בימקאָ, וועלכער האָט אויף איינעם פון אונזערע „שבת נאָכמיטאָגס״ געהאַלטן אַ רעפעראַט וועגן דעם יידישן לעבן אין אַמעריקע. די „פריינט פון יידיש־לשון״ האָבן דעם גאַסט געגעבן אַ האַרציקן ברוך־הבא. פישל בימקאָ האָט אויך באַזוכט אונזער פריינט א. נ. שטענצל אין שפּיטאָל.

* * *

אין הויז פון פריינט א. מ. קייזער, איז פאַרגעקומען אַ קבלת־פּנים פאַר דעם שרייבער און קולטור־טוער מאַרק טורקאָוו פון בוענאָס־איירעס, וועלכער האָט דאָ געוויילט אין אַ שליחות פונם „יידישן קולטור־קאָנגרעס אין אַרגענטינע. מאַרק טורקאָוו איז אויך דער רעדאַקטאָר פון דעם באַקאַנטן פארלאג „דאָס פּוילישע יידנטום״, וואָס האָט נישט לאַנג צוריק געפייערט דעם סיום פון דעם הונדערטסטן בוך, וואָס דער פריערדערמאָנטער פארלאג האָט אַרויסגעגעבן אין משך פון די לעצטע 8 יאָר.

* * *

דאָס באַקאַנטע קינסטלער־פּאָרל מאקס פערלמאַן און גיטא גאלינא, וועלכע גאַסטראָלירן אין דעם היגן „גרענד פּאַלעי״ טעאַטער, האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, צוזאַמען מיט דער חברים־טרופּע, וואָס שפּילט אין דעם באַטרעפנדן טעאַטער.

* * *

דער טויט האָט פון אונדז פּלוצים אַוועקגעריסן דעם היגן יידישן שרייבער לעא האכשטיין, וועלכער איז געשטאָרבן אינם עלטער פון 66 יאָר. דער פאַרשטאָרבענער האָט געשטאַמט פון פּינסק און איז געווען אַמאָל אַ מיטאַרבעטער אין דער יידישער פּרעסע אין צאַריסטישן רוסלאַנד און שפּעטער אין פּוילן. ל. האכשטיין האָט איבערגעלאָזט אַ פרוי און אַן איינציקן זון, וועלכער דינט אין דער ישראל־אַרמיי.

* * *

בן־ציון מרגליות, וועלכער איז פאַרגאַנגענעם חודש געשטאָרבן, איז געווען אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין היגן געזעלשאַפטלעכן און אויך קולטורעלן לעבן. ער איז געווען דער אַרויסגעבער פון „מצודה״.

* * *

מאקס הערשמאַנס פּאָעמע „בראשית״ איז דערשינען אין אַ בוך אויסגאַבע מיט צייכענונגען פון מאָריס סאָכאַטשעווסקי.

* * *

הרב יהשוע שפּעטמאַנס קונטרס לכבוד פסח, האַלט אויך מאמרים איבער ל״ג־בעומר און שבועות.

די קראַנקהייט פון אונזער אַלעמענס פריינט, א. נ. שטענצל, האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פאַראינטערעסירונג נישט בלויז אין לאָנדאָן, נאָר אויך אין אויסלאַנד. אין די צאָלרייכע בריוו, וואָס זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון פאַרשידענע יידישע שריפטשטעלער, דיכטער און קולטור־טוער פון מדינת ישראל, אַמעריקע, אַרגענטינע, פּאַריז און פון אַ ריי אַנדערע לענדער און שטעט, ווערט אָנגעפרעגט וואָס דער חולה מאַכט; זיי ווינטשן אים אַ רפואה־שלימה און אַ באַלדיקן צוריקקער אויף זיין יידישן קולטור־פּאָסטן אין ענגלאַנד.

* * *

אין אַ לאָנדאָנער ענגלישן טעאַטער וועט בקרוב פאַרקומען די פּרעמיערע פון אַ אָפּערעטע מיטן נאָמען „דער לוסטיקער פון ווענעדיק״, מיט דעם באַקאַנטן אַקטיאָר מאיר צעלניקער אין דער הויפּט־ראָלע. די אָפּערעטע איז באַזירט אויף שעקספּירס „שיילאָק״ (דער סוחר פון ווענעדיק). מאיר צעלניקער האָט אויך געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין דעם איינאַקטער „די גימנאַזיע״ פון שלום עליכם, וואָס איז געשפּילט געוואָרן לערך 4 חדשים אין דער לאָנדאָנער „עמבאסי״ טעאַטער אונטער דעם נאָמען „די וועלט פון שלום עליכם״.

* * *

ש. י. הארענדארפס בוך „טעאַטער־קאַראַוואַנען, וואָס האָט געהאַט גוטן אָפּרוף מצד די קריטיקער אין די פאַרשיידנסטע יידישע און יידיש־ענגלישע צייטונגען און זשורנאַלן, איז כמעט אויספאַרקויפט. דאָס בוך וועט, מסתמא, דערשיינען אין אַ צווייטער אויפלאַגע.

* * *

„פריינט פון יידיש לשון״ אָרדענען איין צוויי לעקציע סעריעס איבער די נביאים אין תנ״ך און די דערציילער אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

* * *

דער שרייבער י. טיגער געפינט זיך זינט עטלעכע וואָכן אין שפּיטאָל. מיר ווינטשן אים אַ באַלדיקע גענעזונג.

* * *

די לאָנדאָנער באַקאַנטע קולטור־טוער, ע. ח. פּאדאלסקי און י. שינדלער האָבן, אין באַגלייטונג פון זייערע פרויען, געמאַכט נסיעות אין די פאַרשיידענע מעבר־לים לענדער. פריינט פּאדאלסקי האָט באַזוכט ניו־יאָרק, קאנאדע און דזשאמייקא. פריינט שינדלער איז געווען אין מעקסיקאָ, אורוגוויי, טשילי און בוענאָס־איירעס.ביידע חשובע פריינט האָבן באַקומען אַ האַרציקן קבלת־פּנים מצד די פאַרשיידענע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס אין די לענדער, וועלכע זיי האָבן באַזוכט.

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 6־5־281) זעכצנטער יאָרגאַנג יוני־יולי 1955 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:

| | | |
|---|---|---|
| האַנט אין האַנט מיט די „ידים ידי עשו“ | ** | 1 |
| דער װאַנדערװעג (דערציילונג) | אסתר קרייטמאַן | 4 |
| װו שװינדן זיי די טעג (ליד) | אברהם לעװ | 9 |
| װינטער ליד (ליד) | װ. פּאַדאַלסקי | 9 |
| דער פלאַנטער (דערציילונג) | י. ביעטש | 10 |
| אַ זומער־ליד (ליד) | שמואל װהייט | 16 |
| זיי שכור, פענצטער (צװיי מיניאַטורן) | שאַרל באָדלער | 17 |
| אין פעלד (ליד) | ש. זאַלקין | 18 |
| װייטשעפל (פּאָעמע) | א. נ. שטענצל | 19 |
| פעטיקאָט־ליין (שטריכן) | משה דאָמב | 33 |
| ביי די ברעגעס פון דער טעמזע (עסיי) | אליהו פאַלושאַק | 36 |
| מכוח דעם לעקסיקאָן פון יידישע שרייבער | | 40 |
| אין יידישן סטיל (עסיי) | יחזקאל בראָנשטיין | 41 |
| אין יידישן „קאָנװאַלעסענט האָום“ | ש. | 44 |
| אַ בריװ אין רעדאַקציע | ל. ביילי | 48 |
| די יידישע שבת נאָכמיטאָגס | | 48 |

**פרייז 1 שילינג און 6 פּענס**

**אַבאָנענט־פרייז — 19/6 פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד — 5 דאָלאַר אַ יאָר**

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,

COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

מר. בן־א. סאכאטשעװסקי, רעדאַקטאָר פון דער לאָנדאָנער װאָכנצייטונג „די יידישע שטימע“, װעלכער האָט מיטגעמאַכט אַ שװערע האַרצנקראַנקהייט, געפינט זיך שוין ביי זיין רעדאַקציע־טיש.

* * *

„פון פלעצל ביזן אייפל־טורם“ הייסט אַ ניי דערשינען בוך פון דעם פעליטאָניסט און הומאָריסט, א. א. ליבערמאַן, װעלכער איז אַ מיטאַרבעטער אין דער פאַריזער טעגלעכע צייטונג „אונזער װאָרט“.

דער באַקאַנטער יידישער שרייבער יחזקאל קאָרנהענדלער פון פאַריז, האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „אַ גאַסט פון יענער װעלט“.

* * *

דער באַקאַנטער פעליעטאָניסט אברהם שולמאַן פון פאַריז, מחבר פון דעם בוך „דאָס געלעכטער אין דער נאַכט“, האָט אַרויסגעגעבן אַ צװייט בוך א.נ. „צװישן שװאַרץ אויף װייס“. דאָס בוך ענטהאַלט פעליעטאָנען און עסייען אויף פּאָליטיש־אַקטועלע און ליטעראַרישע טעמעס.

## פריינט פון יידיש לשון — צוזאַמען מיט דער װעסט ענד בראַנטש דינסטיק, דעם 19־טן אַפּריל, 7.03

אין אַדלער האָל, אַדלער סטריט,

## דער װאַרשעװער געטאָ־אויפשטאַנד

עס װעלן ריידן ד״ר יעקב מייטליס, מ. מינדל, אליהו פאַלושאַק און י. א. ליסקי.

די ליכט װעט אָנצינדן שלמה לעמל.

לייענען פון „חורבן ליטעראַטור“ פון די קדושים דיכטער װעלן אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין.

די הזכרה װעט מאַכן חזן שמואל ראָטה. פאָרזיץ: י. ביעטש.

## „פריינט פון יידיש לשון“

מיר באַגריסן דעם דיכטער און פריינט א. נ. שטענצל צו זיין אַרויסקומען פון שפּיטאָל נאָך זיין שװערע אָפּעראַציע. דערביי דריקן מיר אויס דעם ערנסטן װונטש פאַר אַ שנעלער און גוטע דערהאָלונג. ער זאָל צוריק קומען מיט באַנייטע קרעפטן פריש און געזונט סיי פיזיש, סיי גייסטיק, צו זיין װיכטיקע און נוצלעכע אַרבעט.

י. ביעטש, נ. רובין, מ. אַקערמאַן, מ. װייסגראַז, אהרן ביעטש, פרץ אַקערמאַן, אייזיק גאָלדבערג און פרוי, מ. מינדל, פרוי היישעריק, ר. מירסקי, פרוי שינדלער.

## װעסט ענד בראַנטש פון „פריינט פון יידיש לשון“

ש. לעמעל און פרוי, מר. פייגענבלאַט, ל. ביילי, מר. לעװינזאָן, מ. איזביצקי, ה. ספּירא, דזשעני האַט, מר. יאַקובאָװיטש.

## באַזוכער פון די שבת נאָכמיטאָגס

ס. ראָזענפאַרב, מרס. סינקלער, מרס. גרינסטיין, מרס. פירסט, מרס. לואיס, פריילין האַמבורג, מר. מאַרקאָװיטש, סיידי שען, מרס. נאָבלער, די פאַמיליע גאָלדינגער.

## יוסף הלל לעװי ע״ה

ביים שליסן דעם בולעטין קומט אָן די טרויעריקע ידיעה פונם פּלוצלינגען טויט פון דעם באַקאַנטן דיכטער **יוסף הלל לעװי**. מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטלייד צו דער פרוי און קינדער פונם נפטר. זאָלן זיי געפינען אַ טרייסט אין זיין גרויסן נאָמען װאָס ער האָט איבערגעלאָזן און אין זיינע װערק װאָס ער האָט געשאַפן. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

פריינט פון יידיש לשון.

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*